פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער, פאַראייניגט זיך!

רוסלענדער קאָמוניסטישע פּאַרטיי. אידישע סעקציע.



לאָפּעט

רעוואָלוציאָנערע לידער

38

ו־טע העפט.

רעוואָליוציאָנערע לידער.

איסגאַבע פון דער אידישער סעקציע ר. ק. פּ.,
וויטעבסק, 1920.

דער אינטערנאציאנאל.

שטייט אויף, איר אלע, וועלכע שקלאַפן
אין הונגער לעבן מוז, און נויט.
דער גייסט—ער קאָכט, ער רופט צו וואַפן
אין שלאכט אונז פירן איז ער גרייט.:.
די וועלט פון גוואלדטאַטן און ליידן
צושטערן ויעלן מיר, און דאַן
פון פרייהייט, גלייכהייט א גאניידן
באַשאַפן וועט דער אַרבעטס מאַן.

דאָס וועט זיין פון דער לעצטער
און ענטשיידענער שטרײַט!
מיט דעם אינטערנאַציאָנאַל
שטייט אויף, איר אַרבעטס-לייט!

ניין, קיינער וועט אונז ניט באַפרייען:
ניט גאָט אַליין און ניט קיין העלד—
מיט אונזער אייגענעם קליי-זאיען
אַ רעטונג ברייגגען מיר דער וועלט.
די גרויסע שטורם-טעג, זיי וועלן
נאָר פאַר טיראַנען שרעקלאַך זיין;
זיי קענען אָבער ניט פאַרשטעלן
פון אונז די העלע זונען-שיין.

דאָס וועט זיין א. א. וו.

דער אַרבעטס מאַן וועט זיין מעמשאָלע
פאַרשפרייטן אַף דער גאַנצער ערד,
און פאַראַזיטן די מאַפּאָלע
באַקומען וועלן פון זיין שווערד.

אַראָפּ דעם יאָך! גענוג געליטן!
גענוג פאַרגאָסן בלוט און שווייס!
צובלאָזט דעם פייער, לאָמיר שמידן,
קאָל־זמאַן דאָס אייזן איז נאָך הייס.

דאָס וועט זיין שוין דער לעצטער
און ענטשיידענער שטרייט!
מיט דעם אינטערנאַציאָנאַל
שטייט אויף, איר אַרבעטס לייט!

מיר זיינען שמידן.

מיר זיינען שמידן, אין רויטן פלאם מיר
פון גליק די שליסלען שמידן שטאָלץ.
באַוועג זיך העכער, דו שווערער האַמער,
און שטאַרקער קלאַפּ אין ברוסט פון שטאָל.

מיר זיינען שמידן פון היימאַט טרייער,
מיר ווילן נאר, ס'זאָל ווערן גוט.
און ניט אומזיסט מיר אין רויטן פייער
מיט קייאַך האַמערן אין מוט.

6.

מיט יעדער קלאפ פון האַמער רויטן
ווע־ט שוואכער יאך, ווערט בלאסער נאכט.
און אף די פעלדער פון רוסלאַנד ברייטן
דאָס איסגעמוטשעט פאָלק ערוואכט.

עס ווערט געעפנט א וועג א נייער,
א נייע וועלט פון גליק און פרייד.
און שטאָלץ און מונטער פאר צוקונפט פרייער
מיר זיינען אַלע גרייט אַף טויט.

אידיש

ש. לעוומאַן.

רויטע פאנען.

פאַרגאָסן איז די וועלט מיט טרערן
פון אייביק-מידע אַרבעטס-זין.
נאָר ס,וועט שוין באַלד מעקויעם ווערן
דער גרויזאַם-גרויסער יאם-האַדין.

טראָג זיך ווייט, שוועב אַרום, אונזער ליד,
די רויטע פרייהייטס-פאָנען שוועבן,
קאַמפּס-געשריי, ראכע-רוף ברייננען מיט,
זייען די זוימען פון לעבן,
זיי פלאַמען, פלאַקערן און שטרעבן,
זיי פלאטערן אין רויטן גלוט, —
דאס גליט פון אַרבעטער דאָס בלוט.

די קייט צוריסענע פאַרבינדן
פון אָנפאַנג ווילן כוישעך-קנעכט.
נאָך זיין ט'אַ סאָף צום שלעכטס צ״ם בלינדן,
דאָס גיטע קאָן ניט זיין פארשוועכט.
טראָג זיך ווייט, שוועב אַרום, אונזער ליד... א א וו.

די אַלטע וועלט שוין האַלט בא שטאַרבן,
זי האלט באַ זיין פאַרניכטעט שוין.
באַגליקן וועט אונז פריי׳ע אַרבעט,
און ברידערשאפט וועט זיין איר קרוין.
טראָג זיך ווייט... א. א. וו.

פאָראויס מיט מוט! אינאיינעם, ברידער!
די האַנט באַ האַנט, מיט איין געדאַנק.
ווער יאן פאַרהאַלטן אַ געוויטער
און אָפשטעלן דעם שטורמס דראַנג.
טראָג זיך ווייט... א. א. וו.

אַראָפּ די מערדער און די קייטן,
אַראָפּ די אַלטע שקלאפן-פיין;

אַ נייעם וועג דער ערד מיר אַרייטן,
די אַרבעט וועט דער וועלט=האַר זיין.
טראָג זיך ווייט, שוועב אַרום, אינזער ליד,
די רויטע פרייהייטס-פאָנען שוועבן.
קאַמפס געשריי, ראַכע=רוף ברייגען מיט,
וייען די זוימען פון לעבן.
זיי פלאַמען, פלאַקערן און שטרעבן,
זיי פלאַטערן אין רויטן גלוט —
דאָס גליט פון אַרבעטער דאָס בלוט.

אידיש

ש. לעוומאן.

ברידער, מיר האבן געשלאסן

ברידער, מיר האָבן געשלאָסן
אַף לעבן און טויט אַ פאַרבאַנד.
מיר שטייען אין שלאַכט ווי געגאָסן,
די פאָנע די רויטע אין האַנט.

טרעפט דיר אַ קויל, מיין געטרייער,
אַ קויל פון דעם סוינע דעם הונט.
איך נעם דיך אַרויס באַלד פון פייער
און היילן דיר מיט קושן דיין וואונד.

צי ביסטו געפאַלן א טויטער —
די אויגן, די ליפן פאַרמאַכט?
איך וויקל דיך איין אין דער פאָנע דער רויטער
און פאַל מיט דיר אין בליטיקן שלאכט.

א קאָרבן געפאַלן.

א קאָרבן געפאלן זייט איר אין דעם קאמף —
א קאָרבן פון ליבע און טרייהייט.
איר האָט פאר דער וועלט אלץ אין אָפּפער געבראַכט:
דאָס לעבן, די יוגנהייט, די פרייהייט.

מען האָט אייך אין פינסטערע טורמעס געדריקט,
דעם פסאַק האבן ראָצחים געשריבן,
זיי האָבן דעם אורטייל ארויסגעזאָגט לייכט,—
מען האָט אייך געשמיט און פארטריבן.

און זיי די ראָצכים אין רייכן פּאַלאַץ
פאַ׳גיסן דעם אָומרו מיט ווייגען,
גאָר דאָרט אויפן וואַנט שרייבט שוין אַ האַנט,
און ס׳ברענען די ווערטער און שיינען.

ס׳וועט פאלן דאָס אומרעכט, ס׳וועט אויפשטיין דאס פּאָלק,
אי מעכטיק, אי פריי, אי געהויבן!
אָ ברידער, ווי לייבן געקעמפט האָט איר שטאָלץ,
איר זייט אויך געפאַלן ווי לייבן.

אינבערזעצט פון דאָוויר באַראש.

[stamp]

דער אַנאַרכיסטן־מאַרש.

אַ ליד לאָמיר זינגען, ווען ס׳קראַכן דאַרמאַטן,
אין פייער פון סרייפער, אין שאַל פון גראַנאַטן,
ווען קאַמפס־פאָנען שוואַרצע זיך הייבן אין לופט,
ווען טורם־גלאָק דונערט און שלאַכט־האָרן רופט.

אָ, ברודער! מאַך כאָרעיו די טעמפלען און געטער,
צורייס די פּאַרפּירעס, די קרוינען צושמעטער!
גענוג שוין, ווי שקלאַפן, געליבט זיי אָהן מוט
מיר ווילן דעם פאָלקס־צאַר דערטרינקען אין בלוט.

ס׳ערוואַכט שוין דער פאָלקס־גייסט מיט פלאַם און עמונע,
אַף רעוואָלוציאָנס־רוף, אפן רוף פון קאָמונע,
אַף ראַכע־געשריי פון געריידעפטן לאַנ־,
פון יענע, וואָס שמאַכטן באם טאַליען אין האַנט.

אָ סאַך איז געשטאָרבן, פון דאַכקעס פאַרדאָרבן,
אין טיורמעס, אף טליעס געפאלן אַ קאָרבן,
אַ סאַך האָבן, עמעס, געדינט דיר פאַרשמאַכט
און העלדיש געפאלן אין אומגלייכן שלאכט,

און ס'שוועבן אַרום זייער שאָטן און נאָמען,
עס רופט זייער קרעכצן, ווי רוישן פון שטראָמען,
עס הילכט אף פאַריז און סיביר איז דער ווייט,
און מוגטערט און רופט אונז צום הייליקן שטרייט.

אידיש ש. לעוומאן.

ד. עדעלשטאט.

מיין צוואָע.

אָ, גוטע פריינד! ווען איך וועל שטאַרבן,
טראָגט צו מיין קייוער אונזער פאָן —
די פרייע פאָן מיט אירע פאַרבן,
באַשפריצט מיט בלוט פון אַרבעטס-מאַן.

אין דארט אונטער דעם באַנער רויטן
זינגט מיר מײַן ליד, מיין פרייעס ליד,
מיין ליד „אין קאַמף!" וואָס קל נגט ווי קייטן, —
פון דעם פאַרשקלאַפטן קריסט און איד!

אויך אין מיין קייוער וועל איך הערן
מיין פרייעס ליד, מייַן שטורעם ליד.
אויך דאָרט וועל איך פאַרגיסן טרערן
פאַר דעם פאַרשקלאַפטן קריסט און איד!

און ווען איך הער, די קייטן קלינגען
אין לעצ״ן קאַמף פון בלוט און שמארץ,
צום פאָלק, וועל איך פון קייווער זינגען
און וועל באַגייסטערן זיין האַרץ!

ד. עדעלשטאט.

וואַכט אויף!

ווי לאַנג און ווי לאַנג וועט איר בלייבן נאָך שקלאַפן
און טראָגן די שענדלאכע קייט?!
ווי לאַנג וועט איר גלענצנדע רייכטימער שאַפן
פאַר דעם, וואָס באַרויבט אייער ברויט?!
ווי לאַנג וועט איר שטיין אייער רוקן געבויגן,
ערנידעריקט, היימלאָז, פאַרשמאַכט!?
ס'טאָגט! וואַכט אויף! עפנט די אויגן!
ערקענט אייער אייזערנע מאַכט!
פריידיקט די פרייהייט פון קאַמף-באַריקאַדן,
ערקלערט די טיראַנען אַ קריג!
מוט און אַנטשלאָסנהייט, בראַווע קאַמעראַדן,
וועלן אייך פירן צום זיג.

קייטן און טיראַנען, אַלעס מוז פאַלן
אונטער דעם אַרבעטערס שווערד!
מיט דופטנדע בלומען, מיט גאָלדענע שטראַלן
וועט פרייהייט באַצירן די ערד!
און אַלעס וועט לעבן, לעבן און בליהען
אין פרייהייטס גאָלדענעם מאַי.
בריזער, געווג פאַרטיראַנען צו קניען,
שווערט, דאָס איר מוזט ווער פריי!
קלינגט איבעראַל אין די פרייהייט-גלאָקן,
פאַרזאַמלט די ליידנדע קנעכט!
און קעמפט באַגייסטערט, קעמפט אונגעשראָקן
פאַר אייערע הייליקע רעכט.

א. רייזין

מיר ברעכן.

די אויגן פול צאָרן, פאַרגאָסן מיט בלוט,
די הערצער, זיי שלאָגן מיט קראַפט און מיט מוט —
מיר שטייען באַ אַ הייכער, געמויערטער וואַנט
מיט האַמערס און אייזנס און לאָמען אין האַנט —
מיר ברעכן, מיר ברעכן!

די וואַנט איז געמויערט גאָר פעסט און גאָר דיק,
פאַרצאַמט אונז די וועגן צום לעבן, צום גליק,
פאַרשטעלט אונז די ליכטיקע שיין, און זי מאַכט
פון פרײלאַכסטן טאָג אונז אַ טרויעריקע נאַכט —
מיר ברעכן, מיר ברעכן!

אין פאַלט פֿון דער שטיינערנער וואַנט ווען אַראָפּ
אַ שטיין, צי אַ ציגל—טרעפט ווען עמען אין קאָפּ—
די איבריקע בלייבן דאָך שטיין גאָר אָהן שרעק —
און ארבעטן ווייטער, מען לויפט ניט אַוועק—
מיר ברעכן, מיר ברעכן!

די אַרבעט דאַרף דויערן, די אַרבעט איז שווער!
פֿאַרזאַמלט זיך ברידער, קומט אַלע אַהער!
זאָל יעדערער צולייגן פעסטער זיין האַנט —
מיר וועלן די הויכע געמויערטע וואַנט
צוברעכן, צוברעכן!

פרייז 5 רובל.

וויטעבסק.